טאהש

מיסודו
של רבינו זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

תלמוד תורה
עבודת משולם פייש
טאהש
מאנסי יצ"ו

# די שטאלץ פון די מוסדות



בס"ד

# פאָרוואָרט

מיט א שבח והודאה להקב"ה אז מיר זענען זוכה צוצאם צו ברענגען אלע חשובע מאמעס פון די מוסדות תחת קורת גג אחד און פאָרברענגען אינאיינעם און זיך באַקענען איינער מיט'ן צווייט'ן נאכדעם וואס די לערטיגע זיסע קינדערלעך פאָרברענגען און שטייגן א גאנצן טאג אינאיינעם אין די שלשה עמודי העולם בתורה ועבודה וגמילות חסדים אויפן הייליג'ן דרך וואס מיר האבן מקבל געווען פון אבינו רועינו הוד כ"ק מרן רביה"ק זי"ע און עס ווערט ווייטער געפירט דורך בנו חביבו ומ"מ הוד כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.

און אינאיינוועגס שוין צו צוזעהן פון דערנאנט די הייליגע הערליכע אימפעריע וואס בליעט און וואקסט לשם ולתפארת לשמחת לב פון די חשובע עלטערן שיחיו און פון כלל אנשי שלומינו היקרים ובפרט פאַרן כבוד פונעם הייליגע רבי זי"ע וואס די מוסדות איז נקראות על שמו.

אין דעם זמן דאַרפן מיר טאקע ארויס ברענגען פאר די חשובע עלטערן שיחיו אז מיר קענען זאגן בשער בת רבים אז די איינציגסטע זאך וואס האט געמאכט די מוסדות שטיין ווי עס שטייט אצינד איז בלויז די ווארימע תפילות וואס די חשובע עלטערן האבן געבעטן ביים אייבערשט'ן אז די קינדער זאלן מצליח זיין בתורי"ש וואס דאס איז די זאך וואס באגלייט אונז א גאנצן טאג.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן ווייטער קענען ארויסהעלפן און ערפילן די רצון פון אונזערע חשובע שותפים, אז די קינדער זאלן שטייגן ווייטער מעלה מעלה בתורה ויראת שמים ומדות טובות.

בכבוד רב

ההנהלה

# די גאָלדענע קייט זאָל זיך ווייטער ציען

מיט אט די ווערטער איז די פאסיגסטע צו אנפאנגען צו שרייבן איבער די הייליגע מוסדות ווען מיר זעהן ווי די הייליגע טאהש'ע המשכה ציעט זיך ווייטער לשם ולתפארת ולתהלה.

לאמיר געבן א דריי צוריק די זייגער און צוריק קוקן אביסל היסטאריע פון גלייך נאכ'ן ביטער'ן צווייטן וועלט מלחמה. ביום כ"ב כסלו ווען רביהק זי"ע איז גרעטעוועט געווארן פונעם ביטערן צווייטע וועלט מלחמה ווי ער האט ליידער מיטגעמאכט צרות צרורות רח"ל, וואלט ער לויט אלע שיטות געקענט מחליט זיין, פיין איך וועל דינען דעם אייבערשטן אין מיין באשיידענעם ווינקל און טוהן וואס א איד דארף צו טוהן, און דער אייבירשטער וועט הנאה האבן פון די עבודה.

אבער רביה"ק האט אנדערש געטראכט, און האט מיט זיינע איבערגעבליבענע כוחות זיך גענומען צו די ארבעט, און קודם געגרינדערט דאס קליין בית מדרשל אין מאנטרעאל, אויפ'ן נאמען טאהש לזכרון עולם פון זיינע גרויסע עלטערן רבותינו הקדושים שרפי מעלה זצ"ל, ווי די רבי האט אנגעפאנגען משפיע זיין פאר ערליכע אידן וואס האבן זיך אנגעשעפט פונעם מעיין המתגבר מרוב צדקתו וקדושתו.

אבער רביה"ק האט זיך נישט אפגעשטעלט. נאר ער האט זיך ארייגעווארפן מיט מסירת נפש, און זיך גענומען צו די ארבעט צו אויפשטעלן א ישיבה ווי ליכטיגע אידישע בחורים פונעם פרישן דור זאלן האבן וואו צו לערנען, אויפן זעלבן שטייגער ווי די ישיבה'ס פון פארן קריג. און כדי די ישיבה זאל זיין אפגעזונדערט פון די עולם הזה האט רביה"ק געזוכט א מקום מחוץ לעיר ווי די ישיבה זאל זיין פלאצירט און די בחורים זאלן שטייגן מעלה מעלה בתורה ויר"ש. כידוע לכל ווי שווער סאיז אנגעקומען פאר רביה"ק צו באקומען די שטח ווי ס'שטייט היינט קריתינו הק'. טאקע בשנת תשכ"ד ווען סאיז ב"ה געלונגען פאר רביה"ק צו דערגריי כן זיין ציל, צו אויפשטעלן די הייליגע ישיבה, ישיבת אור החי ים ד'טאהש, ווי די ערשטע תלמידים דערציילן איבער די שמחה וואס האט געהערשט ווען די ישיבה האט געעפע נט אירע טויערן און ב"ה ס'א יז אויסגעשטיגן א ערליכע ישיבה לשם ולתפארת און ארויס געגעבן פירות, אויסגערו פענע תלמידי חכמים וואס באל ייכטן די היינטיגע דור ,און בעצם איז געבליבן א רושם אויף יעדע



תלמיד וואס מקען אנווייזען אז ער איז א תלמיד פון די הייליגע רבינ'ס ישיבה, און ס'באגלייט אים אויף טריט און שריט.

**לאמיר אבער אריינטראכטן א מינוט. וואס האט אויסגעפעלט פאר רביה"ק די גאנצע ישיבה?**

וואו צו משפיע זיין תורה ויר"ש וואלט ער געקענט געבן פאר די חסידים און מאנטרעאל. פארוואס האט די רבי זיך נישט באגנוגט מיט די קהילה וואס ער האט אויפגעשטעלט לשמו ולזכרו פון זיינע גרויסע עלטערן זי"ע?

נאר וואס דען? די שטרעבן פון רביה"ק זי"ע איז געווען איין זאך, צו האבן א ישיבה ווי ער וועט קענען משפיע זיין פאר די בחורים און אריינלייגן אין זיי תורה עבודה ויר"ש. דאס איז געווען זיין איינציגסטע ציל, און פאר דעם האט ער זיך מוסר נפש געווען א גאנץ לעבן.

אבער ווען סאיז אריבער אפאר יאר, און די תלמידים האבן אנגעפאנגען זיך צו פארשפרייטן, דעמאלטס האט רביה"ק איינגעזעהן אז מען דארף עפענען בתי מדרשים פאר די תלמידים אין זייערע וואוין ערטער, און טאקע כידוע וויפיל רביה"ק האט געפאדערט פון אונז זיך צוזאם האלטן כאיש אחד ובלב אחד, און צו איבערגיין אלעס וואס מ'האט מקבל געווען אין די לעכטיגע זמנים ווען מען האט געלערענט און ישיבה.

אצינד יעצט זעכציג יאר שפעטער, זעהט מען ב"ה אז די שווערע עבודה וואס רביה"ק האט געטוהן איז אויסגעשטיגן לשם ולתפארת ולתהלה, אלץ א קהילה נאה וחסידה ווי ערליכע אידן מבקשי השם דינען דעם אייבירשטן און טוהן מצוות ומעשים טובים אויפ'ן זעלבן דרך וואס רביה"ק האט אונז שטענדיג געלערענט. און ברוך השם מיר זענען א חלק אין די הייליגע חברי' הקדושה.

און ווי שיין איז דאס צוצוזעהן יעצט ווען מיר שטייען שוין נאך די הסתלקות פון אונזער הייליג'ן רבי'ן זי"ע. טוען מיר זיך טרייסטן מיט זיין ירושה וואס ער האט אונז איבערגעלאזט. וואס דאס איז די הייליגע לעכטיגע טאהש'ע דרך, וואס מיר זענען זוכה זיך צו פירן אויף אט די הייליגע דרך. תחת דגלו הטהור פון אבינו רועינו הוד כ"ק מרן רבינו שליט"א, וואס ער שטייט ווי גענעראל אויפ'ן פראנט אונז צו פירן אויפ'ן הייליג'ן דרך אן משנה זיין אפילו א זוז כל שהוא.

און טאקע דערפאר האט רבינו שליט"א געזעהן פאר וויכטיג צו גרינדן די הייליגע מוסדות הקדושים דא אין שטאט מאנסי, כדי עס זאל זיין א פלאץ ווי מיר זאלן ווייטער קענען מחנך זיין אונזערע קינדער אויף די הייליגע אוסגעטראטענעם וועג וואס מיר האבן מקבל געווען פון אבינו רועינו רביה"ק זי"ע און ב"ה ווי מען קען זאגן אז די הארעוואני האט זיך אויסגעצאלט בכפלי כפלים און די מוסדות הקדושים וואקסן און בליען למעלה מן דרך הטבע אלעס בזכות פון אותו זקן רבינו הקדוש והטהור מרן משולם פייש ב"ר מרדכי הלוי ובן צירל זי"ע וואס די הייליגע מוסדות איז נקראת על שמו.

אצינד איז נאר געבליבן צו וואונטשן אז אין דעם זכות וואס מיר וועלן זיכער מאכן אז די הייליגע רבי'ס הארעוואני' וועט האבן א קיום זאלן מיר זיין געבענטשט מיט אלע גוטע השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות בזכותו הגדול והקדוש פון רבינו הקדוש זי"ע, און מיר זאלן זוכה זיין צו לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך מעתה ועד עולם און זוכה זיין אז די גאלדענע קייט זאל זיך ווייטער ציען און די הייליגע רבי זאל זיך פאר אונז מיען, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו ביאת משיח צדקינו ומלכינו בראשינו בב"א.

..

# עִיר הַגְדוֹלָה מָאנסִי

פאר די עולם איז נישט אזוי שטארק באקאנט די מציעות פון אמאל וויאזוי עס האט אויסגעקוקט אונזער היימישע געגענט ווי מיר וואוינען, ווי אידישע קינדער קענען מיט א רואיגקייט אויפצוען די לעכטיגע קינדערלעך אויף די הייליגע דרך וואס מען האט מקבל געווען פון די עלטערן.

אצינד לאמיר אביסל אריבערגיין און מסביר זיין א מינוט כדי מען זאל פארשטיין ווי אזוי מאנסי האט אויסגעקוקט אמאל. עס האט אמאל פארציילט א איד וואס האט דא געוואוינט אין די יארן פון תש"נ מען קען זאגן אז דעמאלטס איז שוין געווען א שיינע עולם דא אין מאנסי. הרה"ק מוויזניץ זי"ע האט שוין דא געוואוינט מיט א שיינע עולם, און דאך פארציילט ער אז ער האט געדארפט אראפוואקן די באקאנטע מעיפיל עוויניו וואס אונז זענען צוגעוואוינט אז דאס גאס שלאפט קיינמאל נישט, ער זאגט אז ער האט געקענט גיין צעהן מינוט אן זעהן א מענטש. איינמאל האט זיך געקענט מאכן ער זאל זעהן א שווארצן שחור וואס ער האט זיך געווארפן פאר פחד.

אבער ובני ישראל פרו.. און די עולם האט זיך צו וואקסן און צוביסלעך איז עס אויסגעשטיגן ווי עס קוקט אויס היינט. צוביסלעך האבן די קהלות הקדושות געעפענט שטיבלעך אין מאנסי פאר זייערע אינגערלייט. אבער ווי עס איז באקאנט אז קהילתינו הקדושה טאהש האט בהתיעצות הקודש פון רבינו הקדוש זי"ע געווען פון די ערשטע קהלות וואס האבן געעפענט די טויערן אין שטאט מאנסי. קודם האט זיך עס אנגעפאנגען מיט א כולל ערב אין ביהמ"ד ראדעמישלא דארט ווי עס שטייט היינט ביהמ"ד פרעמישלאן אויף הערריק עוויניו. און צוביסלעך האט מען אפגעקויפט די שטח אויף מעיפיל קארנער דיקעיטער וואו עס שטייט די ביהמ"ד לשם ולתפארת. פאר די לייכט טורעם פון אלע אנשי שלומינו היקרים.

דאס זעלבעגע זאך איז געווען בנוגע די היימישע מוסדות התורה די גרעסערע קהלות האבן צוביסלעך געעפענט די טויערן פון זייערע מוסדות און אלע חסידים פון די אנדערע קהלות האבן זיך געדארפט אריין שטיפן אין די מוסדות און אסאך מאל מיט מורא'דיגע עגמת נפש. אבער למעשה איז דאס אנגעגאנגען א לענגערע תקופה און מען קען נאך אפילו זאגן אז עס גייט אן אזוי ביז'ן היינטיגן טאג.




די ערשטע מעלדונג איבער די עפענונג פונעם חדר

צוביסלעך האבן זיך די מוסדות צו וואקסן מיט זייער אייגענע מענטשן אז עס איז געווארן שווער צו אריין נעמען קינדער פון אנדערע קהילות, און עס האט אויסגעפעלט איינמאל פאר אלעמאל צו עפענען אייגענע מוסדות ווי מען וועט קענען שיקן די קינדער און זיין רואיג אז זיי באקומען די זעלבע חינוך וואס מיר האבן באקומען פון אונזערע עלטערן. און טאקע בשעה טובה איז געמאלדן געווארן די ברעכענדע נייעס אז מיט'ן אייבערשטען'ס הילף וועט מען צום נייעם לערן יאר פון שנת תשפ"ג עפענען די טויערן פון אן אייגענע תלמוד תורה עבודת משולם פייש טאהש אין שטאט מאנסי. יעדער געדענקט נאך די גרויסע שמחה וואס האט געהערשט צווישן אנשי שלומינו די בכל אתר ואתר ובפרט ביי אונז תושבי מאנסי וואס לעכצן שוין די לעצטע צענדליגער יארן צו האבן אן אייגענע מקום די קינדער זאלן וואקסן און שטייגן מעלה מעלה בתויר"ש אויפ'ן הייליג'ן דרך וואס מיר האבן מקבל געווען פון רבינו הקדוש און ווי עס פירט אונז ווייטער כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א און יעצט אצינד איז די חלום ערפילט געווארן ווען מען גייט בעזר השם יתברך עפענען אן אייגענע חדר דא אין שטאט. די שמחה איז ממש געווען אין לשער ביי אלע אנשי שלומינו היקרים פון דא אין מאנסי.

און טאקע ווען עס איז געקומען די נייעם לערן יאר מה נהדר היה המראה ווען די לעכטיגע 4 קינדער, די מייסדי המוסדות האבן אנגעפאנגען לערנען די הייליגע תורה הק׳ אינעם נייעם מוסדות. די שמחה איז געווען אזוי גרויס ביי יעדן טאהש׳ן חסיד, די עולם האט מיט געהאלטן פון דער נאנט אז יש לנו אב זקן רביה״ק איז דא צווישן אונז און ער באגלייט אונז א גאנצן טאג.

צוביסלעך האט זיך דער מוסדות איינגעקויפט א מורא׳דיג שם טוב אינעם גאנצן שטאט ווי יעדער ווייסט אז אויב מען דארף א גוט׳ן חדר ווי די מלמדים געבן זיך אוועק בלב ובנפש פאר די לעכטיגע קינדערלעך אז זיי זאלן האבן אלעס וואס זיי דארפן צו שטייגן מעלה מעלה בתויר״ש. און עידות דערויף דארף מען בכלל נישט האבן מער ווי דאס אז די קינדער פון די טאהש׳ע חדר גייען און קומען יעדן טאג אין חדר מיט אזא חיות אזויווי עס דארף צו זיין.

ברוך השם אז מען האלט שוין היינט ווען מען האט זיך בשעה טובה ומצלחת אריינגעצויגן אין א גרויס׳ן בנין, פארשטייט זיך פאר צייטלווייליג, וועגן גאר בקרוב האפט מען אנצופאנגען מיט די מלכת הבני׳ ביים שטח המוסדות. די פארלאנג איז אזוי גרויס ווען חשובע אנשי שלומינו האלטן אין איין בעטן אז מען זאל עפענען עלטערע כתות אז זייערע קינדער זאלן קענען וואקסן און שטייגן בין כותלי המוסדות.

די זעלביגע זאך איז בנוגע א בית חינוך לבנות פאר די מיידליך וואס שרייען למה נגרע פארוואס קענען מיר נישט לערנען אין א טאהש׳ע בית חינוך ווי מען וועט אונז אויסלערנען וויאזוי א אידישע טאכטער דארף זיך פירן. און טאקע אין די לעצטע תקופה זיצן די געטרייע הנהלת המוסדות איבער די נושא פון עפענען א בית חינוך פאר די מיידלעך אז זיי זאלן האבן ווי צו לערנען.

אבער איין זאך זענען מיר אלע מודה אז די הצלחה פון אונזער הייליגע מוסדות אז מיר שטייען ווי מיר שטייען אצינד, קומט נאר פון די חשובע עלטערן שיהיו פון די לעכטיגע קינדערלעך וואס פארגיסן טייכן טרערן א גאנצן טאג אז זיי זאלן זעהן אסאך נחת פון זייערע קינדער וואס דאס פויעלט אויבן אין הימל אז מיר זענען זוכה צו א געוואלדיגע סייעתא דשמי׳ און מיר קענען אויפטוהן מיט די לעכטיגע קינדערלעך גדולות ונצורות.

**אצינד טייערע עלטערן, איר קענט דאך עידות זאגן אז אלעס וואס מיר האבן דא געשריבן איז נישט גענוג וויפיל מען דארף רעדן פון אונזער מוסדות. אבער אצינד קומען מיר מיט א בקשה זיך אביסל אנשטרענגען מיט׳ן ארויסהעלפן די מוסדות ווי אייער זוהן לערנט דורכ׳ן ארום רופן די קרובים, די שכינים, אין די גיטע פריינט, און בעטן אויב זיי ווילן אביסל ארויסהעלפן אז די מוסדות ווי אייער זוהן לערנט זאל ווייטער קענען אנגיין און איר זאלט ווייטער זעהן אסאך נחת פון אייער קינד.**

יעצט איז נאר געבליבן צו וואונטשן אז אין דעם זכות וואס איר וועט ארויסהעלפן די הייליגע רבי׳ס מוסדות וועט אייך געוויס רביה״ק זי״ע צוריק באצאלן און פויעל׳ן אויבן אין הימל אז איר זאלט זיין געבענטשט מיט אלע גוטע השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות געזונט פרנסה נחת עד מאה ועשרים שנה ביז מיר וועלן זוכה זיין צו ביאת משיח צדקינו ומלכינו בראשינו בב״א.

בעזהשי"ת

# חשובע עלטערן,

יעצט ווען איר זעהט פון דער נאנט די הייליגע אימפעריע ווי אייער
זוהן וואקסט און שטייגט בתויר"ש אין אלע ענינים
ווילט איר אוודאי וויסן מיט וואס איר קענט ארויסהעלפן די געטרייע
הנהלת המוסדות זיי זאלן קענען אנגיין מיט די עבודת הקודש צו זיכער
מאכן אז אלעס קלאפט די בעסטע וואס עס איז שייך כדי אייער זוהן
זאל ווייטער שטייגן און ענק פארשאפן אסאך נחת.

**דערפאר האבן מיר מסדר געווען אויף די בקשה פון די געטרייע עלטערן, און מיר פראקלאמירן א גרויסארטיגע ראפעל פאר די עתיד פון אונזער חדר ספעציעל געאייגענט אז די חשובע עלטערן זאלן קענען ארום רופן די קרובים, שכינים, אין גיטע פריינט. און זיי בעטן אויב זיי ווילן ארויסהעלפן די חדר ווי אונזערע קינדער שטייגן און וואקסן בתויר"ש.**

מיט דעם וועט עס גאר שטארק ארויסהעלפן אז אונזער מוסדות
זאל ווייטער קענען אנגיין ביתר שאת ועז.

השי"ת זאל העלפן, אין דעם זכות וואס מיר וועלן ארויסהעלפן די
הייליגע רבי'ס מוסדות זאלן מיר זיין געבענטשט מיט אלע ברכות
האמורים בתורה און מיר זאלן ווייטער זוכה זיין צו זעהן ווי אונזערע
לעכטיגע קינדערלעך שטייגן און וואקסן בתורה ויראת שמים אויפן
הייליגן דרך המסורה אן קיין שום שינוי.



# העלפט ארויס די

# טאהשע חדר

## ווי מיין טייער זוהן

## וואקסט און שטייגט בתורה ויראת שמים

### און געווינט




**אן אויסגעצאלטע טאג פון שאפינג אין די בארימטע**

**THE GROVE ON 59 MALL**

$1000 GIFT CARD BY ZAHAV DÉCOR & CORBEL

און א קאסטעם טלית בייטל ביי די בארימטע תגין

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| די גורל וועט פארקומען מיט'ן אייבערשטן'ס הילף דעם קומענדיגן חמשה עשר בשבט | 12 פאר $100 | 7 פאר $56 | 3 פאר $26 | 1 פאר $10 |

## פארן זיך אנשטרענגען און אריינברענגען

# דעם סכום פון $500

# פאר אייער זוהן׳ס מוסדות

### וועט איר באקומען דעם באקאנטן

### DINNER DONE 2 COOKBOOK



## פארן זיך אנשטרענגען און אריינברענגען

# דעם סכום פון $750

# פאר אייער זוהן׳ס מוסדות

### וועט איר באקומען דעם באקאנטן סעט

### DINNER DONE COOKBOOK



## געדענקט די הייליגע הבטחה

# אז מיר האלטן זיך
# אויסגעבעטן ביים
# רבונו של עולם
# אז דער וואס
# איז אונז מחנה
# מוז ביי אונז
# געהאלפן ווערן

רבינו הקדוש זי"ע בשם זיין זיידע רבינו הסבא קדישא זצ"ל

תלמוד תורה
טאהש
מאנסי יצ"ו

מעמד נהדר

# אמה של מלכות

ספעציעל פאר די חשובע מאמעס פון די מוסדות

## א נאכט מלא תוכן

## א נאכט צום געדענקען